1/71047

# מצמיח ישועה

על ידי

# הקדוש האר״י זללה״ה

בן ידובר נפלאות · דא ווערט רעד צוילט · איין פארבטונגע מעשה · וואס עס האט זיך אמאל געטראפן אז איין שר האט זיך גהייסן אפ געבן דיא יהודים פון זיין מדינה · די (עשרת אלפים בכר כסף) צעהן טויזענט צענטנער זילבר · וואס (מרדכי ואסתר) האבן צו גנומען ביים (המן בן המדתא) · אונ אז די וועלן ניט געבן · זאל מען די אלע ארום טרייבן אדר אום הארגינן מיט ווייבר אונ קינדר · ווי אזו השי״ת האט זיי גהאלפן בזכות האר״י ז״ל וואס ער איז אין דר צייט אלט גוועזן אכטצען יאר · אזו זאל השי״ת אונז אלע צייט ווייזן זיינע וואונדר · אמן :

---

וואַרשאַ

בדפוס ר׳ גרשון ור׳ פסח לעבענזאהן נ״י

---

SIEDM HISTORYI
napisał Mendel Rajzenzaft.

w Warszawie 1865
w Drukarni P. Lebensona

הארי ז"ל הקדוש המקובל · דא האט גיהאט איין פאטער אגרויסן
צדיק · אז ער האט גיהאט דעם זון ר' יצחק לוריא ·
האט ער געוועהן אז דאס קינד וואקסט אגרויסער צדיק אויף
אגאנץ עולם · מען האט געוועהן אז ביי זעקס זיבן יאר האט
ער אין זיך גאונת · עס איז ביי אים חוזרות קולות · פלעגט
דר פאטער אים שרעקען אף היטין · אז גאט האט גהאלפן
אז דאס יונגיל איז גוואקסן אלט דרייצען יאר האט מען אים
אנגיהויבן צו רייסן שידוכים · דר פאטער וויל ניט טאן קיין
שום שידוך ביז ער פרעגט זיך אין אים אן · אבער וויא
פיל שידוכים מען האט אים גירעט · איז אים אלץ ניט גפעלין :
לימים אין אציים ארום · איז אן גקומן אשדכן אונ רעט
אים אשידוך פון אלעכסנדריא של מצרים · ער
איז געוועזן דר ערשטער גביר אין דער גאנצער מדינה · אונ
ווייטער איין ערליכר יוד אן אשיעור דער פאטער איז גיגאנגען
צו דעם זון זיך אנפרעגן ווארום דער זון איז געוועזן אין
אבאזונדער חדר אונ האט טאג אונ נאכט נאר געלערינט · ווי
ער האט ביא אים גיפרעגט וועגן דעם שידוך · ענטפערט
ער דעם פאטער יוא איך וועל טאן דעם שידוך · נאר דר
מחותן זאל אליין פריער קומן אונ איך וועל מיט אים רידן
אליין · אוב ער וועט באשטיין אוף דעם וואס איך וועל אים
זאגן איז מה טוב · ובאם לאו אז ער וועט נים וועלין
באשטיין בין איך נים זיין חתן · דער פאטער ענטפערט די
איינגע רייד דעם שדכן · דער שדכן איז צו ריק גפארן צו
דעם גביר אונ דר ציילט אים וואס דר חתן האט גזאגט ·
אונ ווייל דר שם פון דעם ר' יצחק איז געוועזן זייער גרוס ·
אז

Wolno drukować z warunkiem złożenia w Komitecie Cenzury, po wydrukowaniu prawem przepisanéj liczby eksemplarzy.

Warszawa dnia 19 (31) Stycznia 1865.

P. o. Cenzora B. CYMERMAN

אז דאס קינד איז אפייער אין תורה אונ אין עבודת הבורא ·
חאטשע דר גביר איז גוועזן פר טראגן אין זיינע געשעפטן ·
ער האט אלדונג אוועק גווארפן אונ איז גפארן אין דער
שטאט אריין ווי דר צדיק מיט דעם זין זענן גוועזן :
ויהי כאשר בא · אונ אז דר גביר איז אנגקומען אין דער
שטאט (ותהום כל העיר) האט זיך דיא גאנצע
שטאט פאר וואונדערט · אזא גביר · וועלכם ער איז דער
ערשטער אין דר גאנצר מדינה זאל טאן א שידוך מיט אזא
קבצן וויא דר צדיק איז גוועזן · נאר דר אמת איז (אדם
יראה לעינים) א מענש ווייסט מיין ניט נאר וואס ער זעהט
מיט די אוגן · אבר זייא זאכן וויסען · אז מען האט אין
הימעל אום גרופן נאך פערציג טאג (קודם היצירה) איידר
זיי זענן באשאפען גווארן אין זייער טומערם בוך · אז דם
קינד דעם צדיקס זאל זיין דעם עושרס איידעם · דם ווייסט
קיין שום מענש ניט · דרום איז דם ביי זיי גוועזן א חידוש ·
אין קורצען דער גביר איז גיגאנגן צו דעם צדיק ער זאל
באטראכטן דעם חתן · דר צדיק האט דעם גביר זייער שיין
צו גנומען · חאטשע ער איז גוועזן גמיין · דר נאך זענן זיי
ביידע אריין גיגאנגן צו דם חתן דער עושר דר גביר האט
אנגיהובן צו ריידען מיט דעם חתן · האט ער פר שטאנען
וועדלוג זיין השגה איז גוועזן · אז דם קינד איז א טאייערע
זאך · דער גביר פרעגט ביי דעם חתן וואס פר א זאך פר
לאנגסטו ביי מיר · אין געלד איז קיין מניעה ניט ווי פיל
דו וועסט וועלען אפילו צעהן טויזענט דוקאטן גיב איך דיר ·
און מלבושים וועל איך דיר מאכן אזו ווי מיר שטייט אן ·
היינט ווס האסטו מיך גיטרעבעוועט · ענטפערט דר חתן ·
איך



איך פרין ניט קיין געלד אוך ניט קיין מלבושים · נאר דם
וויל איך איר זאלט מיר אום טרויען א שטיבעל (על שפת
הנהרות) אויסען ברעג פון דעם טייך גילוגם · אונ עם זאל
זיין גאנץ שיין גמאכט אינעווייניג אונ איר זאלט הייסן מאכן
אקאליכטיגען טיש מיט גישוירעוועם סאמעט גרעקט · אונ
זיבען שטילען אלע גלייך זאכן זיין אין דער הויך אונ אין
דער ברייט · אונ איך וועל דארשען זיצן איינער אליין פון
שבתות צו נאכט ביז פרייטאג האלבן טאג · נאך האלבן
טאג זאלט איר שיקען נאך מיר אפיר (עגלה) וועל איך
קומען אויף שבת אהיים · אונ איך זאל אין דער היים אוך
האבן אבאזונדער חדר · גם דיא איגינע רייד זאלט איר
זאגן דר כלה · אוב זייא וועט אוך באשטיין · אז איך זאל
אנגאנצע וואך ניט זיין אין דער היים נאר משבת לשבת ·
איז מה טוב בין איך אייער חתן · אונ אז ניט אז איר
וועלט דם ניט ליידן · אודער די כלה וועט ניט וועלין
ליידן · זענן מיר ניט קיין מחותנים · אזו האט דר חתן אפ
גירעדט מיט דעם גביר :
ויהי כשמעו אז דר גביר האט דאס דער הערט · אונ האט
פר שטאנען אז דיא רייד קומען ארום (מקירות הלב)
פון דעם טיפען הארץ · אונ זעהט אז ער רעט נאר ניט
פון קיין געלד אודער מתנות · האט ער פר שטאנען אז
זיין הארץ ברענט נאר צו (עבודת הבורא) גאטס דינסט ·
און זיין הארץ גלוסט צו (התבודדות) אז ער זאל זיצן אליין
אונ דינען גאט בתורה ובתפלה : כדי עס זאל אים קיינר
ניט איבר שלאגן · ענטפערט דר גביר ביי מיר האסטו שון
גפועלט איך וועל בודאי אזו טאן ווייא דוא זאגסט · נאר די
כלה

כלה · װעל איך פארן אהיים אונ װעל זיא פרעגן אוב זי
װעט איך צו שטיין דרוף · שיק איך באלד אשליח מיוחד
אין אחודש ארום װעלן מיר שרייבן תנאים · אונ צו דעם
האלבן יאר זאל זיין די חתונה למזל טוב :

וכן הוה אונ אזו איז גװעזן · דער גביר איז אהיים גקומען
ער דער ציילט דעם װייב אוך דר כלה אז גאט האט
אים צו גשיקט אחתן װעלכער ער קוקט גאר ניט אוף
קיין געלד · אונ אויך ניט אוף קיין תענוגי עולם הזה ·
נאר זיין הארץ גלוסט צו תורה אונ תפלה · אסימן אז ער
געמט אום מיט מיר אז איך זאל אים אום טרויען אשפיגל
אוף דעם ברעג פון דעם טייך נילוס · אונ ער זאל דארטן
זיצן אליין אגאנצע װאך · נאר משבת לשבת דהיינו
פרייטיג האלבן טאג זאל מען אים אהיים ברענגן · אונ
שבתות צו נאכט זאל מען אים אפ פירען אין שטיבער
אריין · און בזה אופן װיל ער זיין מיין חתן אז איך זאל
באשטיין דרוף איך דיא כלה זאל אוך דרוף בשטיין · אז
איך האב דס דר הערט אז זיין גאנצער באגער איז נאר
צו גאטס דינסט · האב איך אים געענטפערט גא בייא מיר
האסטו שון בודאי גפועלט · איך װעל דיר אום טרויען
אשפיגל אז עס זאל זיין װיא בית המלך · אז דר מלכות
װעט מעגן דארטן זיצן · און אלע זאכען װעל איך דיר צו
שטעלן אזו װיא דיין הארץ גלוסט אונ אזו װי דו הייסט ·
נאר די כלה װעל איך פרעגן אוב זי װעט באשטיין דרוף ·
װעל איך באלד שיקן אשליח מיוחד אונ װעל אייך מודיע
זיין · יעצט מיין ליבע טאכטר פרעג איך דיך צו דוא
װילסט אזא חתן · אונ דו זאלסט דיך מיין ניט שעמען אונ

זאלסט



זאלסט מיר זאגן דעם אמת יוא אודער ניין · װעל איך
װיסען אזוי להתנהג · דיא טאכטער ענטפערט באלד איר
פאטער אונ זאגט איך בין דאך איונג קינד · איך װייס דיר
ניט װאס צו ענטפערן · נאר מן הסתם אז דיר געפעלט ·
געפעלט מיר אוך · אונ שיק אשליח אונ זיי מודיע װערדונג
דז האסט אפ גרעט · אזו איז געװעזן דר גביר שיקט באלד
אשליח מיוחד · אונ שרייבט אז די כלה איז אוך מרוצה
צו אזא חתן · על כן זאל דר צדיק זיך רעכטן אין אחודש
ארום · אז ער װעט קומן צו פארן אוף תנאים · אין קורצן
אין אחודש ארום איז ער גקומן צו פארן מיט זיינע לייטישע
מענשן צו שרייבען תנאים · אבער דער חתן װיל נאר קיין
שמועסען מיט זייא ניט פר ברענגען ער זיצט נאר אין זיין
חדר · אונ דאװינט אונ לערינט · ביז מען האט אפ גשריבן
די תנאים · איז דר פאטער דער צדיק אריין גיגאנגן אונ
האט אים אריין גבעטען ער זאל גיין צום טיש אפ
געמען מזל טוב :

וישמע אל אביו וילך · דער חתן האט צו גיהערט דעם
פאטער אונ איז אריין גיגאנגן אין שטוב צו דעם
טיש · אבער דענצמאל האט מען ניט געקאנט אין זיין לעכטיקער
צורה אריין קוקען · ער האט גשיינט (כשמש בצהרים)
אזו װי די זון אין האלבן טאג · דער גאנצער עולם זענין
פר אים אוף גישטאנען · אונ אימדיבר האט אים אפ גיגעבן
מזל טוב · ער איז אפ גזעסן עטך אשעה ביי דעם טיש
אונ האט מיט קיינעם ניט גרעט אפילו מיט זיין אייגינעם
פאטער דעם צדיק · מען האט נאר גזעהן אז ער זיצט פאר
טראגען · נאך דער שעה איז ער אריין גיגאנגן צו ריק אין

זיין

זיין חדר אונ הט גמאן זייגע עובדות · אונ דא אין שטוב האט מען גאנץ שיין גהירעט · אונ מען האט גיטרונקען משקות · ווערלוג דעם גביר איז אנגישטאנען · דער גביר מיט זייגע לייט זענען אפ גישטאנען בייא דעם מחותן דריי טאג אונ דרייא נעכט · אונ מען האט גמאכט סעודות · אין דער פריא און אוף דער נאכט (כסעודות שלמה בשעתו) אזו ווי די סעודות שלמה המלך ע"ה הט גמאכט בשעת ער איז גוועזן מלך ישראל · דער גביר גזעגינט זיך אפ מיט אלע אוך מיט דעם חתן · ער גיט אים אסאך דוקאטען אמתנה ער האט בייא אים צו גנומען · אונ האט באלד אפ גיגעבען דעם פאטער · אונ דעם גביר איז דער חתן מורה אונ זאגט אים אז די חתונה וועט ניט זיין ביז דם שטיבעל וועט פארטיג ווערין · דער גביר זאגט אים זיי זיכער מיין ליב קינד אז דם שטיבל וועט גיך פארטיג זיין · אונ השי"ת זאל דיר שטארקן דם הארץ נאר צו גאטס דינסט · אונ איך זאג דיר צו אז ווס דוא וועסט וועלין בייא מיר · אביא עס וועט זיין דריגען אעוברא צו גאט · וועסטו דאס ביי מיר ערהאלטען · אונ איז גוועסן זיך גאנץ שיין · אונ דער חתן ווינשט אים צו · אז ער זאל ווערין נאך אגרעסערער עושר :

ויסעו דער גביר מיט זייגע לייט זענען אוועק גפארען · אגאנצען וועג איז דער גביר זייער פרייליך · אז השי"ת הט אים מזכה גוועזן מיט אזא געטליך קינד · וויא דר גביר קומט אין אשטאט גיט ער צדקות אזו ווי אגביר · און טוט מעשים טובים אלץ צו ליב דעם חתן וואס ער האט באקומען · ער איז גקומען אהיים לשלום · האבן דיא

מענשן



מענשן אלע דר[illegible]לט פון דעם חתן ווי אזו זיין פירעכץ אין · אז ער ווייסט מיין ניט נאר גאט דינען · קיין שום תענוג עולם הזה פר לאנגט ער ניט · אין דארפן ער שט גוואריען אשמחה און אפריוד · אונ דר גביר הט גיפראוועט (שבעת ימי המשתה) אזו וויא נאך אחופה מיט סעודות און מיט צדקות · דם הייסט ער הט גטיילט געלד לעניים ולאביונים · זיבן טאג אין דער פריא און אוף דר נאכט · אונ אז מען טרינקט משקה זאגט מען לחיים דעם חתן ר' יצחק · נאך אל אים שטארקען דאס הא"ץ צו גאט אזו ווי ער האט זיך פור גנומען :

אחר הדברים האלה נאך דיא אלע שמחות · האט דער גביר גשאפט אוף זייגע מענשן · אז מען זאל זיך נעמען צו דעם סטרויען פון דעם שטיבעל אוך מען זאל סטעלען דעם טיש און בענקלך · אלץ ווערלוג דר חתן הט גזאגט · בקיצור מען הט זיך גנומען צו די אלע זאכן · אונ ביז צו דעם האלבן יאר איז פארטיג גוואהן אוף דעם שענסטען אינ בעסטען אופן · דער גביר שיקט אשליח מיודע צו זיין מחותן אז אין אכט טעג ארום זאל זיין די חתונה · אונ הט צו גשיקט מיט דם שליח שייגע עטליכע דוקאטן אוף הוצאות · אז ער זאל אן קומען אוף דר חתונה שיין ווערלוג ווי ביידע שטייט אן · ער איז אגביר אונ דער מחותן איז אצדיק · ובפרט צו ליב דעם חתן · דר מחותן ענפערט דעם שליח אז ער וועט בודאי מקיים זיין · אזוא ווי דר מחותן דער גביר שרייבט :

ויהי לשמונת הימים · עס איז גקומען נאך אכט טאג · דיא ביידע מחותנים האבען אנגיהובען צו מאכען דיא

חתונה היינו דער האט שבת אויף[illegible] דעם חתן • אונ
בייא דעם גביר איז גוועזן דס פאר שפיל • נאך שבת איז
גפארן דער מחותן מיט דעם חתן מיט זיינע מענשן צום
גביר צו דר חופה • דער פאראד וויא מען האט דעם חתן
אריין גפירט • אונ דיא חופה מיט חעטשירע • אונ אוך
אלע זאכן • דארף מען ניט שרייבן • מען קאן דאס אליין
פערשטיין • וועדלוג עס קומן זיך צו נויף אזעלכע צוויא
מחותנים מיט אזא חתן • נאך דער חתונה דער גביר
פראוועט (שבעת ימי המשתה) זיבן טאג סעודות מיט
צדקות • אונ דר חתן זיצט זיך אין זיין באזונדר חדר • אונ
אין שטיבל הט דר חתן ניט גוואלט אריין פארן ביז נאך
(שבעת ימי המשתה) ווייל מען וועט אים דארפן צו
(שבע ברכות) • אבר אז עס איז גקומען נאך דיא זיבן
טעג • האט שון דר חתן ניט גוואלט זיצן אין דער היים
אפילו קיין בינט • מען שאפט אקארוטע אונ מען שיקט
אים אפ אין שטיבל מיט בעט גוואנט אונ מיט אלע זייני
מכשירים • אונ ער לאזט ניט אריין גיין דעם משרת אפילו
איין טריט • נאר ער לעגט אפ אין פרעדני • אונ ער אליין
מיטשעט זיך אונ שלעפט אריין אין זיין קאבינעט ווי ער
וועט אמאל שלאפן אבר ניט אין דעם חדר ווי דער טיש
מיט דיא בענקליך זענן גישטאנען • און ער פאטר מיט
זיינע לייט זענן גפארן אהיים לשלום :

ערב שבת נאך האלבן טאג • שיקט דער גביר אקארוטע
מיט עטליכע פערד אויך מיט אלקאייע פון אונטן •
אין מען ברענגט אים אהיים גלייך אין זיין חדר • דער
משרת דער לאנגט אים אפעדר מעסר ער שניידט אפ דיא

נעגיל



נעגיל • אונ [illegible] פארט אדראשקע • אונ פארט אין
מהחצן אריין מיט דעם משרת ער זאגט דארט ניט • אונ
קומט אהיים אין זיין חדר אונ שאפט מען זאל אים דער
לאנגען (בגדי שבת) שבתדיגע קליידער • אונ דער נאך
מאכט ער צו די טיער אונ פר זאגט אז אונטער זיין טיער
זאל קיינר ניט שטיין ווארום ער וועט שפילען מיט זיין
לעבן • איינמאל הט זיך איינר פון די משרתים גישטעלט
אונטער הערין זיין דאווענן האט ער גיהאלטן בייא דעם
פסוק (כל אוכל התעב נפשם) אונ הט מכוין גוועזן זיינע
כוונות בייא אימליכען ווארט • האט ער דער פילט אז
עס שטייט עמיצער אונטר דר טיער • האט ער אנגרוסען
גישרייא גמאן איז ער אוועק גיגאנגן פון אונטר דר טיער •
דס איז גוועזן זיין גליק וס ער הט ניט אום גלאזט דעם
פסוק (ויגיעו עד שערי מות) • אבר דער משרת הט שון
ניט לאנג גילעבט ווייל ער האט ניט געקענט עסן קיין שום
מאכל אפילו דם בעסטע עסן אונ הט גמוזט שטארבן •
פרייטיג צו נאכט פלעגט דער גביר מיט זיינע מענשן גיין
אין זיין בית המדרש דאווינען • אונ אז ער איז גקומען
אהיים האט ער נאך גהארט אויף דעם געטליכען איירעם
ערך צוויא שעות • איז ער אליין אריין גקומען מיט דעם
טלית אוף די פלייטצים אונ הט גיפראוועט שלום עליכם
מיט אתקינו סעודתא וועלכע ער האט די דרייא אתקינו
סעודתא אליין מחבר גוועזן וס זייא קאן קיינער ניט פאר
שטיין באר דער וואס איז אגרויסער מקובל • דער נאך הט
מען אים דר לאנגט הדסים אונ בשמים אונ ויין האט ער
גמאכט קידוש • אונ אז ער הט אפ גמאכט קידוש • הט

ער שט

ערשט דר שווער דער גביר גימאכט קידוש · דער משרת
הט אים באלד דער לאנגט אנדערע קליידער צום טיש ·
אונ הט אים גוואשן די הענט אונ ער הט זיך גזעצט צום
טיש · אונ דער שווער הט זיך איך גוואשן · אונ זעצט
זיך אוך צום טיש · אבר ניט קיינר מער · דר שווער קוקט
אויף זיין פנים האט אים אנגיטאפט (חיל ורעדה וויע)
אציטערניש אז ער קאן ממש ניט אין זיצן בייא דעם
טיש · ער וואלט אוועק גינאנגן ער האט מורא פר אים ·
עסן זעהט דר שווער אז (אתינוק בן יומו) אקינד פון אטאג
עסט מער אויף · אזו האט ער אפ גיפראוועט די ערשטע
סעודה · אין דר פריא הט אויך דער גביר אפ גדאווינט
אין זיין בית המדרש · אונ איז גקומן אהיים אונ הט זיך
קידוש גמאכט אין הט פר ביסן · אונ האט גווארט אויף
דעם אידעם · ארום איינס דעם זייגער · איז ער ארויין
גקומען אוך מיט דעם טלית אונ האט זיך גיפראוועט
קידוש · אונ דם עסן · און דער טיש איז אפ גפירט
גווען אזו וויא צו דער ערשטער סעודה · דיא דריטע
סעודה האט ער אוך גיפראוועט ביז שפעט אין דער
נאכט אונ האט גבענשט · אבער דעם גאנצן שבת איז ער
זאל רייידען אווארט מיט דעם שווער דם איז ניט גווען ·
נאך דעם בענטשן איז ער באלד אריין גינאנגן צו זיך
אין זיין חדר אונ האט דארט גדאווינט מעריב · אונ מען
הט אים אריין גיטראגן וויין אונ בשמים אונ איין הבדלה ·
אונ ער האט אליין דארטן גמאכט הבדלה · אונ איידר
ער האט אפ גמאכט הבדלה · איז שוין גישטאנען דיא
קארוט איינגישפאנט · האט ער איבער גיביטן דיא
קליידר



קליידער · אונ איז אוועק גפארן אין זיין שטיבל לשלום ·
אזו איז גווען זיין מנהג אלע שבת · אונ אזו איז גווען
עטליכע יאר · ביז ער איז אלט גווארן (שמונה עשרה
שנים) אכטצעהן יאר פון זיין געבארן אן · אונ קיין שום מענש
האט פון דעם ניט גוויסט אז ער זיצט משבת לשבת אין
דעם שטיבל על שפת הנילוס · אונ אויך וואס זיינע הנהגות זענען:
בימים ההם · אין דיא דאזיגע צייטן · איז גווען אין
אמדינה אשר · איז דער שר מת גווארן · האט
דיא מדינה גמאכט אנייען שר · דער שר האט זיך דער
לערנט אין דיא בוכר · אז עס איז אמאל גווען אמרדכי
מיט אסתר · אונ עס איז גווען אהמן בן המדתא · ולסוף
האט מען איבר מרדכי ואסתר · המן אין זיינע צעהן זין
גיהאנגען · אינ דאס גאנצע גוטס אוך זיינע פאלאצן הט
מען אפ גיגעבן צו מרדכי ואסתר · הט דם אים אנגענומן
זייער ביי זיין הארץ · אונ הט אנגיהויבן טראכטן תחבולות
אז ער זאל זיך אין יודען נוקם זיין · האט ער אזוי בייא
טראכט · ער האט גיגעבן איין באפעל אין זיין מדינה ·
אז פון יעדער פראבינץ זאל מען צו אים ארום שיקן צוויי
מענטשן יהודים וועלכע זאלן ווערט זיין צו שטיין (בהיכל
השר) אין שטוב פון שר · אונ זאלן קאנען ריידען מיט
אשררה אונ שר · אז דער באפעל איז אנגיקומען אין דיא
פראפינץ האט יעדער נייטשעלניק צו שיקט אין אלע
שטעט וואס צו אים גהער · אונ מיט אסראק (אצייט)
ווען זיי זאלן ארום פארן אין שטעט שטאט צו דם שר ·
בקיצור מען האט אום גקליבען פון יעדער פראפינץ
צווייא מענשן אונ מען האט זייא אן גיקלייד אין אי
קאליבער

קאליבער (פארמע) אין פאסט האט מען זייא גיגעבן אויף דעם שר קאנט אונ זיי זענן אוועק גפארן בכדי זיי זאלן אן קומן אהין אויף דעם סראק ווס דער שר האט ארויס גיגעבן · מיט גאטס הילף זייא זענן אנגיקומען צום שר פונקט צום סראק :

ויהי בבואם · אז זיי אלע זענן אנגיקומען אין שר שטאט ·

מען האט גיבאוועט תיכף צום שר אז פון יעדער פראפינץ זענן אנגיקומען צוויא מענשן אונ שיינע לייט · ווארום (הכרת פניהם ענתה בם) יעדער מענטש פון דעם שר לייט האבן אין זיי פאר שטאנען אז זיי זענן קלוגע מענטשן אונ לייטישע · מיט רייד אויך מיט חכמה · האט דער שר גשאפט אז מען זאל זיי אלע אפ געבן אגרוסע מואר אונ מען זאל זייא געבן פון דעם שר הויף אלע באדערפניש וואס זיי וועלן טרעבעווען (אכילה א' שתיה) עסן אודער טרינקען · אונ זאלן זיין רוהיג אחודש דאס הייסט פיר וואכן · בכדי זיי זאלן זיך בייא קלערן אז אויף וואס דער שר וועט זיי פרעגן זאלן זייא וויסן וואס צו ענטפערן :

ובכלות החודש אז דער חודש איז אוועק ניגאנגען האט דר שר גיטרעבעוועט אלע טאג צוויא מענשן · היי׳ג · הייסט פון דער פראפינץ אונ האט מיט זיי גרעט עטליך צווייא שעה · אונ מארגען פון אנאנדער פראפינץ · ביז ער האט איבר גרעט מיט אלע פארלעך פון יעדער פראפינץ · אונ דאס האט ער גיטאן בכדי ער זאל זיך האבן אויף וועמען צו פר לאזן אין זאכן וויסן וואס אים צו ענפערן אין קורצען ער האט זיך אפ גקליבן צוויא מענטשן פון

אלע



אלע · האט ער דעם פארעל גיהייסן בלייבן אין שר שטאט · די איבעריגע האט מען גגעבן פארדאזנעס מיט געלד אויף הוצאות · אונ מען האט זייא אפ גשיקט מיט פאסט אהיים · יעדער אין זיין פראפינץ אויך אין זיין שטאט פון וואנען ער איז גוועזן · אונ דיא צוויא מענטשן האט ער גיהייסן בלייבן אין שר שטאט · אונ מען זאל געבן זייא עסן אונ טרונקן אונ אלע פראדוואלסטוועס זאל מען זיי געבן · אונ אלע טאג ביז אנאנצן חודש האט זייא דער שר גרופען · אונ האט מיט זיי גרעט הן אין וועלטליכע זאכן · אויך וועגן גישעפטן פון דער מדינה · אונ השי"ת האט זיי גהאלפן אז זיי האבן אויף יעדער זאך גיענטפערט · וועלכם עם איז דעם שר זייער גיפעלן · אז זיי זענן גרויסע חכמים · דער חודש איז אוועק גיגאנגען · שיקט דער שר רופען די צוויא מענשן אונ האט אן גהויבן מיט זיי צו רייען · אונ זאגט צו זייא איר זאלט וויסן אז איך קום ארויס פון המן בן המדתא אונ ער איז גוועזן מיין קרוב · יעצט איז די זאך אזוי · דאס וואס מען האט אים גהאנגען מיט זיינע צעהן זין דאס וועט זיך שוין ניט אומקערן · אונ איך מאך אייך ניט פר קיין חייבים · ווארום דר אחשורוש האט זייא בהייסן הענגען · אבער דאס געלד אונ דאס גאנצע הוו ראט האט אייער מרדכי מיט אסתר צו גנומען · שענק איך אייך אלע זאכן · נאר דיא (עשרת אלפים ככר כסף) צעהן טויזנט צענטנער זילבער וואס ער האט גיגעבן צום מלך אחשורוש אונ ער האט זיי ניט גוואלט ביי אים צו נעמן · ולסוף האט זייא מרדכי צו גנומען · יעצט איז אזוי קאנט איר מיר אפ געבן די צעהן טויזנט צענטנער זילבער

איז

איז מה טוב. װעל איך צו אייך זיין אגוטר שר. אונ װעל אייך טאן טובות. (יבאם לאו) אונ אז איר װעט זיך ניט אונטער נעמן מיר אפ צו געבן דאס געלד. שרייב איך באלד באפעלין אין מיין גאנצר מדינה אז װיא עס גפונט זיך א יהודי זאל מען אים ארוים טרייבן. אונ אוב ער װעט ניט װעלן גיין זאל מען אים אוף דעם ארט הארגענן. אונ אז איך װעל אייך פר טרייבן. װעל איך אייער גוטץ אין גאנצען פאר נעמן. װעל איך האבן חאטשע אביסיל אוף די צעהען טויזענט צענטנער זילבר דאס זאג איך אייך אונ שװער אייך צו אז עס װעט אנדערש ניט זיין. אונ גייט אין אבאזונדער חדר אריין אונ זייט זיך מיישב. װאס איר זאלט מיר ענטפערן בקרי איך זאל באלד אונ צװייא שעה װיסן איין ענפר. דיא צװייא מענטשן זענען ארוים גיגאנגען פון דעם שר מיט גרוס צער אונ זייער טרויריג. װעליכם זיי האבן באלד פר שטאנען מיט זייער שכל אז אזו פיל געלד גפונט זיך גאר אין דער גאנצער מדינה ניט. זיי זיצען אװעק אין דעם חדר װיא דער שר האט זיי גיהייסען אריין גיין. אונ טראכטען װאס אים צו ענטפערן. אין קורצען עס איז ביא זיי גיבליבן דער הסכם אז זיי זאלן זיך אפ בעטין אוף איאר. נאך דעם יאר װעלן זייא אים אריין פיהרען דיא צעהען טויזענט צענטנער זילבער. װארום אז זייא װעלן זאגן באלד ניין. װעט ער באלד מאכן (גירוש) ער װעט באלד אנהייבן ארוס צו טרייבען די יהודים. דרום האבן זיי אפ גלייגט אוף איאר. אונ אין דעם יאר (אולי ירחם ה' עמו) מאמער װעט זיך השי"ת מרחם זיין אויף

זיינע



זיינע יהודים. אונ װעט זיי העלפן. װיא אזו װייסען זייא ניט. דיא צװיי שעה זענען אוים גיגאנגען. זענען זייא אריין גיגאנגען צו דעם שר. אונ זאגן אים אזו דוא װייסט אליין װאול אז די סאמע פון דעם געלד איז זייער גרויס. (װארום איז יענע צייטין איז געלד ניט געװען אזו בנמצא װיא היינטיגע צייטן). אונ װאס זענען מיר שולדיג װאס מרדכי מיט אסתר האבן צו גנומן דאס געלד ביא המן. נאר אעפי"כ. זאגן מיר דיר צו. אז אין איאר ארום פון היינטיגען טאג אן. זענן מיר זיך מתחייב דיר צו שיקן די צעהן טויזענט צענטנער זילבער. מיר װעלין אגאנץ יאר אום פארין אוף דער װעלט צװישען אונזערע יהודים. אונ מיר װעלן זעהן אז מיר זאלן דיר מאכן דם געלד. אונ אוף באלד קאנען מיר דיר ניט צו זאגן דער שר האט זיך ביא טראכט אונ זאגט איר זענט גירעכט. איך װעל אייך אום װארטן איאר. נאר טאמער װעט איר חלילה ניט דער האלטען װארט. װיא פיל איך האב אייך גזאגט אז איך װעל אייך טאן װעל איך אייך נאך צעהן מאל אזו פיל שלעכץ טאן. אונ ער גזעגינט זיך מיט זייא אינ הייסט דעם קאזנאטשייע ארוס געבן זייא געלד אויף הוצאת אהיים. אונ אפאדראזגע אוף פאסט אוף זיין קאנט. אונ די צװייא מענטשן פארן אהיים מיט ביטערע הערצר. זייא זענן גקומען אהיים זיי האבן דר ציילט אין שטאט דיא צרות װאס זיי צו האנרען גיטראפן הט. עס איז גװארן אין שטאט אגרוסר יאמער אונ אגרוסי קלא. (באמרם) זייא האבן גװאנט װיא איז דאס גימאלט אין דר װעלט. אז מען זאל איין זאמלן אזו פיל געלד:

בעת

בעת ההיא · אין דער צייט איז גוועזן אין דער מדינה גאוני ארץ אונ גרויסע צדיקים · דיא צווייא מענטשן זענן ארום גפארן צו דיא צדיקים זייא זאלן געבן איין עצה וואס מען זאל צו דער ביטערער גזירה טאן · האבן זייא גזאגט העלפן קענען מיר גאר ניט · דאס איז איין ענין פון געלד אונ קיין געלד האבן מיר ניט · נאר מיר וועלן אנשרייבן בריב אויף דער גאנצער וועלט · אונ מען זאל צו שיקען צו צווי א מענטשן אין אלע מדינות אפילו אין פרעמדע מדינות · אז זייא זאלן העלפן · ווארום דאס איז ניט וועגן איין מענטשן · דאס איז אכללות ישראל · און וויא פיל יעדער מענטש פר מאגט זאל ער דאס אפ געבן · בכדי עס זאלן אלפי אלפים יהודים ניט אום גבראכט ווערן · אונ וועדלוג אונזערע יהודים זענען רחמנים בני רחמנים · דיא קינדער פון אברהם יצחק ויעקב · וועלן זייא בודאי פון כללות ישראל וועגן · אפ געבן אפילו דם העמד · אולי וועט הש״י ברחמנות האבן אונ וועט אונז צו שיקן דם געלד אפ צו געבן דעם שר · אונ יהודים וועלן ניצול ווערן פון גירוש און פון הריגה ·

אזו האבן די צדיקים גענפערט:

ומיד אונ באלד האט מען גזעצט שרייבערס אונ מען האט גישריבן בריב אין אלע מדינות אפילו אין פרעמדע אונ מען האט אום גיקליבן פארלעך גאנץ ערליכע אונ חכמים אונ לומדים אז זיי זאלן וויסן ווי אזו צו ריידן מיט אלירלייא מענטשן · אונ מען האט זייא צו שיקט (זה לכאן וזה לכאן) די פאר אין דער מדינה · און די פאר אין דער מדינה:

ויהי



ויהי בהיותם בדרך · אין דער צייט אז אלע פארלעך זענן שון גוועזן אונטער וועגינס · איז איין פארעל אנגיקומן מיט דיא בריב קיין אלכסנדריא של מצרים · זיי האבן זיך צו פרעגט ווער איז דא דר גרעסטער עושר הט מען זיי אנגוויזען צו דעם גביר וואס ער האט ר׳ יצחק גוריא פר איין איידעם · זיי זענן אריין גפארען צו דעם גביר · דער גביר הט דר זעהן די מענטשן זענן זיי אים זייער גפעלן · ער דענקט אז זייא זענן אויך גבירים סוחרים · ער נעמט זיי צו גאנץ שיין · ער הט אנגיהובן מיט זיי צו ריידען מיט וואס זייא האנדלן אונ וואס זייער פארוכטץ איז · זיי האבן ארוס גנומן זייער בריב און ווייזן דעם גביר · דער גביר לייגט איבר די בריב איז ער גאר ציקאכט גווארן · ער האט זיך נאר ניט גקאנט פר ווינגרן אז מענשן זאלן זיך ניט בארעכינע · היתכן ווי קאן מען צו נאנך קלויבען אזו פיל געלד צעהן טויזנט צענטנער זילבער · ער שווייגט נאר ער דרייט מיט זיין קאפף · די צווייא מענטשן קוקען אויף אים · אינ האבן אנגיהובן צו ריידן מיט דעם גביר · וואס זאגט איר דרויף אוואסערע צרה אונז איז צו גשיקט גווארן · זאגט דער גביר אמת עס איז אגרויסע צרה נאר וויא אזו איר וועט ארוס פון דער צרה קאן איך ניט פר שטיין · היתכן לאמיר קלערען ווי פיל גבירים גפונען זיך אויף דער גאנצער וועלט אזעלכע וויא איך · וועט איר גפונען פון פיר ביז זעקס מער אוודאי ניט · היינט בארעכינט מיך · ווען איך זאל אייך אפ געבן מיין גאנץ עשירות איך זאל בלייבן נאר ביי (מלבושי חול) וואכינדיגע קליידער וויים איך ניט אוב איר וועט

האבן

האבן איין צענטנר זילבר · אונ איר דארפט צעהן טויזנט
צענטנער · היינט ווי איז דם גיטאלד · דר גביר בלייבט
שטיל אונ לייגט נאך אמאל די בריב · עס ווערט אין אים
לעבער אין הארץ · ער האט גרוס צער פון כללות
ישראל · אבר ער קלערט אלץ וויא אזו קאנן זיי גהאלפן
ווערן · דיא צווייא מענשן שווייגן אויך · עכ"פ די צוויי
מענטשן קוקן אויף דעם גביר אונ זעהן אז עס שטעלט
זיך אים טרערן אין דיא אויגן · האט דאס זייא אויך
עטוואייע אנגיטאפט ביא זייערע הערצער · אונ האבן
אנגיהויבן צו וויינען פר דעם גביר · אזוי גוואלט איר ווענט
דאך אגרוסער גביר האט איר מער פאר שטאנד פון
אונז · טראכט עפעס איין עצה פון כללות ישראל וועגן ·
(אולי ירחם ה') טאמער מיט אייער עצה וועט זיך גאט
אויך דער בארמן · אונ וועט אונז אויס ציהען פון דער
ביטערער גזירה אונ פון דער וויסטער צרה · דער גביר
וויל זייא זאגן זיין עצה אבר ער האט מורא · אונ זאגט
צו זייא גייט צו ביסלעך וויין אונ לאמר זיין עפס עסן ·
אונ איך וועל זיך דער וויל ביא טראכטן · דער נאך
וועל איך אייך זאגן · זייא האבן גיטרונקן וויין אבר דם
איז ביא זיי גוועזן (כוס התרעלה) אביטערער כוס · זייא
האבן גיגעסן אבער עס איז גוועזן ביא זייא בלוט · אונ
אינעווייניג האט זיי גיגעסן ווארום זייא האבן פאר שטאנען
אז קיין געלד וועלן זייא שוין דא ניט מאכן · ווייל דער
גביר זאגט אז עס איז ניט גמאלט איינצוזאמלן אזוי פיל
געלד · נאר זיי טראכטן אז ער וועט זייא געבן עפיס
איין עצה פון דעם מלכות צו יעגעס שר · דער גביר

גייט



גייט אים צו מישפט · ער וואלט זיי גערן גזאגט זיין
עצה נאר ער האט אבר מורא · ער לייגט זיך נאך דעם
עסן אביסעל שלאפן אונ די צוויי מענטשן אויך · נאך
דעם שלאף זאגן די צווייא מענטשן · אמת זעהן מיר אז
איר האט גרוס עגמת-נפש אונ גרושה יסורים · מיר וועלין
אבר מיט די יסורים נאר ניט גהאלפן ווערן · אונ מיר
פר שטעהן אין אייך אז איר קאנט אונז געבן איין עצה
אונ ווילט אונז געבן איין עצה נאר איר האט עפס מורא ·
לכן בעטן מיר אייך איר זאלט נעמן גאט צו הילף אונ
זאלט אונז געבן איין עצה טובה · אולי וועט איר מיט
אייער עצה מציל זיין אכללות ישראל · פר געסט ניט וואס
פר איין בן עוה"ב איר וועט זיין · פר געסט ניט וואס די
גמרא זאגט (כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים
עולם מלא) אז איינר איז מציל איין נפש פון יודען אז
ער זאל בלייבן לעבן איז גלייך וויא ער וואלט לעבידיג
גמאכט אגאנצע וועלט · ומכש"כ אז איר וועט מציל זיין
אוועלט מיט יהודים פון גירוש און פון הריגה · ענפערט
דער גביר דער כלל איז אזוי · אזו ווי עס איז ניט גמאלט
אז דער היטעל זאל קומן צו דער ערד · איז ניט גמאלט
אז איר זאלט איינזאמלען דיא צעהן טויזנט צענטנער
זילבר · נאר איך זאג אייך מיין עצה איז אזו עס איז פר
האנדען ביא מיר איין אייזעם · איז ער אגאנצע וואך
ניט אין דער היים ער זיצט אין אשטיבעל (על שפת
הנילוס) אויף דם ברעג פון טייך נילוס · אונ קומט אהיים
נאר משבת לשבת · היינו פרייטאג האלבען טאג קומט
ער אהיים · אין שבתות צו נאכט פארט ער אוועק צו

ריק

ריק אין זיין שפיבעל · לכן אין מיין עצה אזו איך
זאלט דא שבת האלטן אונ איך וועט מיט אים ריידן ·
אוב ער וועט וועלן העלפן וועט איך בוודאי גיהאלפן
ווערן · אונ אוב חלילה ניט מעגט איר בעסעטשנע אהיים
פארן · אונ זאלט זיך אנהייבען אהנם קלויבן פון אייער
מדינה אין איין אנדערע מדינה · (אונ דענצמאל איז נאך
אין דער וועלט ניט געווען קיין (אמונת חכמים) · אז מען
זאל גלייבן אז אצדיק קאן מיט זיינע תפלות מבטל זיין
אגזירה רעה · אזו וויא מען גלייבט היינט) נאר אז דיא
צווייא מענשן האבן דער הערט אז דר גביר זאגט אזעלכי
רייד · חאטשע עס איז זיי פשוטע געווען צו גלייבן אז
אמענטש זאל קאנין העלפן אין אזא זאך · ווארום ווערלוג
זייערע צדיקים האבן גזאגט · אז זיי קאנן דער צו ניט
העלפן · אעפ״כ האבן זיי זיך באטראכט · דער גביר איז
דאך בוודאי קיין נאר ניט ער איז אגרויסער בר שכל · מן
הסתם אז ער גיט פיר אזא זאך · אונ מיר געהן דאז ער
וויל באמת אז יהודים זאלין גהאלפן ווערן פון אזא צרה ·
דרום איז גיבליבן ביי זיי אז זיי זאלן בכאן שבת האלטן ·
אונ דר גביר גנעמט זיי צו זיך אויף שבת מיט די פערד ·
אונ שאפט אז מען זאל געבן דיא פערד זייערע
פראווואלסטווע · עסען אינ טרינקען · אונ די מענשען
האט ער זייער בחשובות גדול · דאס איז געווען אז ער
האט זיי די עצה גיגעבן (ביום גימל) אום דינסטאג האבן
זייא גידארפט הארען נאך דריי טאג אז זיי זאלן חאטשע
אן קומען דעם איידעם · זייא האבן אום גסאלד אז ער
מוז זיין עפס מיט הערנער · קיין אנדערע מחשבה האבן





זיי ניט גהאט נאר ער מוז זיין אין (איש משונה) פאר
אנדערשטער מענטש פון אלע מענטשן · ווארום זיי האבן
נאך ניט גוויסט וואס איז דאס אגוטער יוד · אינ ווי אזו
אגוטער יוד קאן זיך געבן עצות מיט רוחניות · נאס האט
זיי גהאלפן זיי זענן שון איבער גקומן דיא דרייא טעג ·
ווארום איטליכער טאג איטליכע שעה איז געווען ביי זיי
אצרה · פרייטאג נאך האלבן טאג זעהן זיי אז מען שפאנט
אקארוט מיט עטליכע פערד אונ מען פארט נאך דעם
איידעם זייא ווינדערן זיך · היתכן אז נאך אקינד · זאל
מען אזא קארוט מיט אזעלכע טייערע פערד שיקן מיט
דער פאראד מעג אשר פארן · נאר זיי מיזן שווייגן אונ
קוקען ווער קען דם אזו זיין · אונ עטליכע מנוט איז ער
אן גקומן · אונ מען איז צו גפארן צו זיין טיהרעל פון
זיין באזונדערע חדר · דארט איז שון גישטאנען אמשרת
וויא באלד ער איז ארויס גיקראכן פון קארוט האט דער
משרת אויף גיעפינט דם טיהרעל אונ ער איז אריין · זייא
האבן ניט באספווייעט אין צו זעהן ווער ער איז · אונ
אפערטיל שעה ארום · זעהן זיי אז עם פארט צו אדראשקע
זיי שווייגן · לאזין זיי זעהן וואס באטייט דם · אין דם ·
זעהן זיי לופט ארוס אמשרת אונ טראגט אכתונה אונ תחתונים
אונ זאקן · אינ שטייט לעבן דער דראשקע · ווי זעהן
גייט ער ארום אונ זעצט זיך אויף דער דראשקע ·
אונ דער משרת מיט אים · אונ זענן אוועק גפארן אין
מרחץ · אונ אקליינער צייט איז ער שון צו ריק גקומן ·
ער זעהט זיי אבר ער גיט זייא קיין שלום ער פרעגט ניט
ווער זיי זענן אונ וואס זיי טוען ביי זיין שווער · אז זיי

האבן אים דער זעהן איז זיי גווארן שלעכט . אונ זאגען
איינר צום אנדערן . נא איז אסברא אז אזא קינד אזא
אייגעל מענטשעלע זאל העלפן אונז פון אזא צרה . נאר
זייא טרייסטען זיך דער מיט . ער וועט מיט אונז בודאי
ביי דעם טיש זייען וועלין מיר פארשטיין פון זיין ענטפער
צו איז דאס עפים אממש צו חס ושלום זיין . על כל
פנים זעהן זיי ווי א משרת טראגט ארין דיא קליידר פון
שבת . אונ ער מאכט צו דאס טירעל אונ עס גייט שון
קיינר ניט ארין צו אים . דער גביר נעמט די אורחים און
גייט מיט זיי אויך אין מרחץ . אונ זייא רידען מיט דעם
גביר ניט קיין דיבור הקל וועגן דעם . זייא האבן זיך
גטובלת לכבוד שבת אונ זענען אהיים גיגאנגן . דער גביר
איז זייא מכבד מיט משקה אונ מיט אגוטע פיש . אונ
זאגט זיי עסט ווארום אינזער סעודה וועט זיין שפעט .
איז דאס זיי אויך קשה גווארן פאר וואס זאל מען
שפעט עסן נאר זייא מוזען שווייגן . פרעגן טארט מען
ניט . בקיצור עס איז גקומען דיא צייט מען דארף זיין
דאווענען . דער גביר נעמט די אורחים אונ גייט מיט זיי
אין זיין בית המדרש דאווענען . זייא האבן אפ גדאווינט .
אונ זענען גקומען אהיים . זיי זעהן אז דער גביר נעמט זיך
אספר אונ לערינט אונ קיין שלום עליכם זאגט ער ניט .
זיי האבן אויך גנומען ספרים אונ האבן אויך ארין גקוקט .
עס גווערט אזוי ערך צוויי שעה . אין דעם קומט ארין
דאס איידימעל . אונ דער טלית אויף דיא אקסעל אונ
זאגט דעם שווער גוט שבת אונ צו זיי ניט . דער שווער
האט זיך אויף גחאפט וויא איין אפ גיבריטער . ער זאגט
שלום



שלום עליכם וויא ער הט גקאנט . אונ דער שווער זאגט
אויך שלום עליכם אבער גאנץ שטיל . די מענטשן זאגן אויך
אבער אויך שטיל אז מען הערט ניט זייער קול . ער זאגט זיך
דעם אתקינו סעודתא אבער זייא ווייסן גאר ניט וואס ער
זאגט . ווייל דערנצמאל האט נאך קיינר ניט גוויסט פון
דעם זהר . עס האט גווערט אשיין ביסעל צייט . זייא
זעהן אז דער פנים ברענט . אונ כמעט אז ער איז ניט
אויף דעם עולם . מען דער לאנגט הדסים אונ בשמים אונ
ווין אויף קידוש . דער גביר גוסט אן אין כוס ארין ווין
אונ ער שמעקט די בשמים . דער נאך געמט דער גביר
דעם כוס אונ גיט אים אויף די הענט אונ ער מאכט קידוש
אונ דער נאך דער גביר אבער אלץ שטיל . אונ דער נאך
האבן זיי גמאכט קידוש אויך גאנץ שטיל . דער משרת
קומט צו לופען אונ טוט אים אוס דיא קליידער און טוט
אים אן צום טיש אנדערע קליידר . ער וואשט זיך פריר
אונ דער נאך דער גביר אונ דער נאך זיי . די זיצען
ביא דעם טיש אונ קוקען נאר אויף אים . זיי זעהן אז
ער איז שטארק פר טראגען . אונ די אויגען פר גלעזט .
אונ דר שווער דר גביר זיצט באימה ופחד . מען הערט
ניט אז ער זאל דאוון ארעך . מען גיט עסן ער געמט
אמעט פון יעדערין עסן . אונ ווערט פר טראגן אונ דאס
פנים טוגעט זיך אלע מאל מיט איין אנדער פארב . דר
גביר געמט אויך פון דיא עסינם אמעט דמעט . און זייא
האבן נאך גטאן דעם גביר אז ער האט עפס גנומען אין
מול ארין האבן זייא אויך גנומן . אונ אז ער האט אייף
גהערט האבן זיי אויך אויף גהערט . קיין זמירות זאגט ער

גיט זיי זאגן אויך גיט · דער מיש האט גידויערט ערך
צוויי שעה · אבר ער האט זיי קיין שלום גיגעבן אונ ניט
גירעט מיט זיי אפילו אדיבור קל · נאט האט נתהאלפן
זיי האבן גבענשט · אונ מזומן האט ער גבענטשט ניט
דער גביר · אפ גבענטשט איז ער אריין אין זיין חדר ·
אונ זייא האט דער משרת אום גבעט יעהעדין באזונדער
מיט שיין גצירט בעט גוואנט · זייא האבן זיך גילייגט
אויף דיא בעטליך אבר זיי קאנן ניט שלאפן · זיי זענן זיך
צו נויף גינאנגען אונ ריידן דיא פליאות אונ די חידושים
וואס זיי האבן דא גזעהן · וועלכם אויף זייער לעבן האבן זיי
אזא מענטשיל ניט גזעהן · אונ אשווער אזא גביר זאל
אזו ציטערן פאר אזא קינד · אונ וואס באטייט זיין פאר
טראכטען זיך · אונ פר וואס האט ער זייא קיין שלום
גיגעבן · אונ וואס קאן אזעלכם אונז העלפן ער איז דאך
שלאף וויא אפליג · זיי עסין זיך לעבעדיג נאך וואס זייא
זענן דא גיבליבן אויף שבת · זיי ווייסין ניט פון שבת ·
אונ האבן אן גוואריין עטליכע טעג וואס זענן ניט גפארן ·
זייא וואלטן גוועז גמאכט עטליכע טויזנט קערבליך אין
די דרייא טעג · דער אנדערער ענטפערט אים עס איז דאך
אזאך וואס עס איז שון פר פאלען לאמר זעהן וואס וייטער
וועט זיין · נאר דאס פאר דריסט מיך פאר וואס גיסטו ניט
קיין שלום דוא זעהסט דאך אז עס זיצן פרעמדע מענשן
ביי דעם מיש אונ גיסט ניט קיין שלום אונ פרעגסט
גאר ניט ווער מיר זענן · זיי האבן צווישן זיך אזו גרעט
ביז זייא זענן אנטשלאפן גווארען · שבת אין דער פריא
זיי זענן זיך גינאנגן אין מרחץ אריין מיט דעם גביר ·





אונ זענן גינאנגן דאווענן · זייא האבען אפ גדאווינט אונ
זענן אהיים גינאנגען מיט דעם גביר אונ האבן גמאכט
קידוש אונ האבן גוט פר ביסן · יעדער האט זיך גנומען
אספר דער האט גלערינט דער איז אביסיל אנטשלאפען
גווארן · ערך צוויי שעה זייגער איז ער אריין בקומען אונ
אנגיהויבען צו פראווען דעם קידוש · דער נאך דעם מיש
אקאראנט אזו וויא ביא נאכט · דאס עסין זיינם איז
גוועזן אזו ווי ביי נאכט · אונ איז אלץ גזעסן פאר טראכט
אונ דיא אויגן פאר גליוזט · אונ זייא ניט ער אלץ קיין
שלום ניט אונ רעט ניט מיט קיינעם קיין דיבור קל · ער
האט גבענשט מזומן אונ איז צו ריק אין זיין חדר · זייא
עסין זיך לעבעדיג היתכן אט איז שוין באלד אוים שבת
אונ ער האט זיי נאך קיין שלום ניגעבן אונ ניט גרעט ·
וואס האבן זיי זיך גקלאגט אנדיירען דער צו · פון דעסט
וועגין האבען זייא זיך גלייגט אפ רוהען · אזוי וועט
ער ביא דעם שלש סעודות מיט זייא ריידען ·
אונ קורצן ער האט דעם שלש סעודות אויך אפ גיפראוועט
אויף דעם אופן ביז שפעט אין דער נאכט אונ האט אפ
גבענשט אונ איז אריין אין זיין חדר · זייא האבן אפ
גדאווינט מעריב אונ הבדלה גמאכט · טוען זייא אקוק
שטייט שון דיא קארוט איינגישפאנט אויף אוועק צו
פארן · זענן זייא אריין גקאפן צום גביר · גוואלד אייער
עצה איז דאך אונז אום גקומען צו אגרויסע רעה · איר
האט אלץ גזאגט אז ער וועט אונז העלפן · ולסוף האט
ער אגאנץ שבת קיין שלום גגעבען · אונ ניט גרעט
קיין דיבור הקל · אונ יעצט פארט ער שון אוועק ·

אנגפערט דער גביר · שרייט ניט דאס וואס איר האט
געזעהן הייגט אזו איז אלע שבת · נאר דיא עצה טובה
איז איר גייט אין שטעלט זיך בייא דעם טירעל · אונ אז
ער וועט ארוס גיין אוף זעצין זיך אוועק פארין · זאלט
איר ביידע שליסען דיא הענט שטארק אונ זאלט אים ניט
לאזן גיין · אונ זאלט זאגן רבי מיר דארפן צו אייך אזאך
וואס איז נוגע אין כללות ישראל · אונ אז איר וועט
ניט העלפען וועלן חס ושלום פאר פאלען ווערן אלפי
אלפים יהודים מיט ווייבר אונ קינדער · דיא עצה איז זיי
געפעלן זיי קומן צום טירעל · זעהן זייא וויא דער משרת
טראגט שון ארויין (מלבושי חול) וואכידיגע קליידר · אונ
ער וועט שון באלד אוועק פארן · זיי שמעקן זיך אנידר
שטארק אונ שליסען די הענט · ער האט אויף געפינט
די טיר ארוס צו גיין · האבן זיי אים נחאפט שטייט רבי
מיר וועלן אייך ניט לאזן פארין · מיר האבן צו אייך
אזאך פון כללות ישראל · אונ געמן ארוס דיא בריב אונ
ווייזען אים · ער האט תחלת אנגיהובען צו שרייען איך
בין ניט קיין רבי וואס ווילט איר פון מיר האבין · אבער
זיי העהן דם ניט אונ זאגן עס וועט אייך ניט העלפן איר
מוזט אונז עפעס ענטפערן · זעהט וואס אין דיא בריב
שטייט ער נעמט די בריב צו דער ליכט אונ ליינט זיא
ער הט זיך אנגיהאפט בייא דעם קאפ · אונ זאגט זיי גייט
אייך אין שטוב ארוין · און דיא קארעטע הייסט ער אויס
שפאנען אונ ער בלייבט אין דער היים · אונ האט זיך
גהייסען ארוין טראגן ליכט · מען האט באלד גטאן אזו
ווי ער הט גהייסן · זייא זענן גקומן אין שטוב צום גביר





פרעגט זיי דער גביר וואס האט ער אייך געענטפערט · זאגן
זיי ער האט אונז גהייסן ארויין גיין אין שטוב אונ מער
ניט · זאגט דער גביר אביא ער איז גיבליבן אין דער
היים · איז צו גאט איין האפונג אז איר וועט אי"ה
גהאלפן ווערן · איין ערך פון דריי שעה האבן זיי צווישן
זיך גרעט · קומט לאמר זעהן וואס טוט ער יעצט · זיי
געהן צו צו דעם טירעל אונ בייגען זיך איין אונ קוקען
דורך דיא שפארעם · זעהן זיי אז די ליכט ברענן אויף
דעם טיש · אונ ער גייט ארום איבר דער שטוב נאר אין
טלית קטן אונ מאכט מיט דיא הענט · זיי ווילען אוועק
גיין אבר זיי קאנין זיך ניט רוהען ביז ער הט זיך פילט
אז עמיצר שטייט אונטר דער טיער · האט ער אנגישריי
גיגעבן שוטים גייט שון אוועק זייא זענן אוועק גיגאנגן ·
זיי זענן ארוין גקומן צום גביר ער טוט אקוק אוף זייא
זיי זענן טויט אונ קאנן ניט ריידן · ער האט זייא דער
קוויקט מיט טראפן · קאם זיי האבן אנגיהובען צו ריידן
אונ דער ציילין אז זייא האט זיך גיגלוסט צו זעהן וואס
ער טוט · אונ האבן זיך איין גבויגען צו זעהן האבן זיי
זיך שון ניט גקאנט אוף בייגען ביז ער האט אנגישרייא
גיגעבן שוטים גייט אוועק · זאגט דער גביר איר זענט
בייא דעם גרעסטן גליק · ער זאל ניט גוועזן אזו גיך דער
פילען אז איר שטייט דארטן וואלט איר דארטען גוועזן
גיבליבן · אז זיי האבן דם דער זעהן האבן זיי שון פאר
שטאנען אז אין אים איז דא אממש · צו גאט איין
האפונג אז מיר וועלן גהאלפן ווערן · נאר וויא אזו ווייסען
זיי ניט · זיי האבן איבער גיגעכטיגט · אין דער פריא

טראגט מען אים אריין טלית אונ תפילין אונ ער דאווינט דארטן · אין אגאנצן טאג איז ער פאר שפארט עסט ניט אונ טרונקט ניט · אין די גאנצע נאכט פון זינטאג עפינט ער ניט אויף דם טירעל · אונ זיי געהן שוין ניט צו צו דעם טירעל קוקן ווארום זייא האבן שון מורא :

ויהי ביום השני בבוקר · אונ אז עס איז גקומען מאנטיג אין דער פריא · האט ער אוף געפינט דם טירעל · אונ האט גהייסן אריין קומן דיא צווייא מענטשן · ווען זייא אריין גקומן · פרעגט ער בייא זייא האט איר עפים געלד · זאגן זייא יוא · זאגט ער צו זייא איר זאלט מאכן פון היינט ביז מארגן האלבן טאג איין גצעלט פון אזא האלץ · דיא בריים זאל זיין אזו · דיא לענג זאל זיין אזו · אונ אטיש פון אזא האלץ · אונ זאגט זייא דיא בריים אונ דיא לענג אונ דיא הויך · אונ זיבן שטילען אלע אין איין פארמע · זאל ניט זיין איינע העכער פון דער אנדערער אפילו מיט אהאר · גירעכט זאל זיין דער טיש מיט גשורענעם סאמעט · אונ צווייא זילבערנע לייכטער נאייע · אונ איטד זאל זייא מאכן · אונ נאיע וועקסינע ליכט · אונ דאס זאל אלץ פארטיג ווערן אין איין מעת לעת · נאר איר ווענט דאך פרעמדע מענטשן איר ווייסט ניט פון קיין שום בעל מלאכה · זאלט איר זאגן מיין שווער אז איך האב גהייסן ער זאל זיך מטריח זיין אונ שאפען אז דם זאל אלץ גבארין ווערן אין איין מעת לעת · דער גביר הט דער הערט זיין באפעל · האט ער תיכף צו שיקט זיינע משרתים נאך די בעלי מלאכות · אונ הט זיי גצאלט פר איין קאפיקע דרייא אביא עס זאל

פארטיג



פארטיג ווערן צום מעת לעת · אונ ער איז אלץ פאר שפארט אין זיין חדר :

וכן היה אונ אזו איז גוועזן · דיא אלע זאכן זענען פארטיג גווארן ביז צום מעת לעת · אונ אז עס איז פארטיג גווארן · נאך האלבן טאג שיקט ער זיי אריין רופן אין זאגט זיי · זאגט מיין שווער אז ער זאל שאפען אבויד איינע אודער צווייא אונ מען זאל איינפאקן דיא אלע כלים · באופן אז עס זאל ניט איין קאנט קאלע ווערן ניט פון דעם טיש אוך ניט פון דיא בענקליך · אונ אז מען וועט איינפאקן דיא כלים וויא איך זאג זאל מען מיר מודיע זיין · אונ מען זאל תיכף מיר שפאנען מיין קארוטע · דר שווער האט באלד מקיים גוועזן אזו ווי ער האט גהייסן · אונ מען הט איינגיפאקט אוף דעם בעסטן אופן · אונ אים הט מען איינגישפאנט תיכף זיין קארוטע אונ ער הט זיך אריין גזעצט אין די קארוטע · אונ דיא צוויי מענטשן פאהן מיט דיא כלים ער פארט פריער אונ זיי נאך · אבר זייא פארען נאר אן אווענ נאר איבער פעלדער זיי ווייסן ניט ווי אין אונ ווי אוס · זייא זענין גפארן שטראקס ביז עס איז גווארן נאכט · אונ דעם הט ער זיך גהייסן שטעלן מען הט זיך גישטעלט · זאגט ער צו דיא צווייא מענטשן נא יעצט אוף דעם ארט שטעלט איף דעם גיצעלט · זיי האבן איף גישטעלט דעם גיצעלט · אונ האבען אוף גישטעלט דעם טיש מיט דיא בענקליך וועדלוג ער האט גהייסן · אונ צו גירעכט דעם טיש אונ ארוף גישטעלט דיא זילבערנע לייכטער אונ האט גיהייסן אן צונדען דיא ליכט · פרעגט ער זיי ווי אזו ווילט איר

צו

צו וועט איר זיין אין דרויסען צו ווילט איר זיין
אונטערווייניג אין גיצעלט · זאגן זיי מיר ווילן זיין אונטערווייניג ·
זאגט ער זייא יוא איך פאזוואלע אייך איר זאלט זיין
אונטערווייניג · נאר באופן איינר זאל שטיין אויף איין זייט
טיער אונ דער אנדערער פון דער אנדערער זייט טיער ·
אונ איר זאלט שטיין ווי (אבנים דומים) שטומע שטיינר ·
וואס איר וועט זעהן אודער הערן זאלט איר ניט ווינקען
איינר צום אנדערן · קיין הים זאלט איר ניט טאן אונ אז
איר וועט עובר זיין אויף דיא רייד וועט איר פון דאנען
ניט ארוס לעבעדיג · דיא צווייא מענטשן האבן אויף זיך
מקבל גווען וואס ער האט זייא אנגיזאגט אונ האבן זיך
אניידער גישטעלט אויף זייערע ערטער · אזו וויא ער האט
זיי גהייסען אונ שווייגן שטיל מיט דיא אויגן זעהן זיי וואס
ער טוט · ער האט גנומען די פאפירען וואס דיא מענטשן
האבן גיבראכט אונ האט זיי צו לייגט אויף דעם טיש ·
אונ אליין איז ער ארום גיגאנגען איבר דעם גיצעלט אהין
אונ אהער · מען האט גזעהן אז ער איז ניט אויף דעם
עולם · אין דעם הערן זיי ווי דער ר' יצחק ז"להה · זאגט
ברוך הבא ר' אליעזר · נא גייט רופט זייא צו נויף · עס
גווערט עטליכע מנוט הערען זיי ווי ער זאגט ברוך הבא
ר' אברהם · ברוך הבא ר' יצחק · ברוך הבא ר' יעקב ·
ר' משה · ר' אהרן · ר' יוסף · ר' דוד · אונ זאגט אברהם
בראש · יצחק בנגדו · יעקב בנתים · ער האט זייא אלע
בזעצט אזו ווי עס גהער · אונ האט זיך גישטעלט אין
אווינקלע · עטליכע מנוט ארום הערען זייא ארויש בייא
דעם טיש אבער זייא זעהן קיינעם ניט אונ הערען קיין





דיבור ניט נאר אים · אונ זיינע דיבורים הערן זייא · אונ
זעהן · אבר עס שטעכט זייא די האר אין קאפ פאר פחד
אונ מורא · דער נאך גייט ער צו דעם טיש פון ווייטן ·
אונ הייבט אן טענען ווי הערט זיך דאס אין דר וועלט
איבר מרדכי ואסתר וואס זייא האבן צו גנומען די עשרת
אלפים ככר כסף בייא המן · זאל היינט אוועלט יהודים
אום גיבראכט ווערן · אונ זעהט דיא בריב וואס מען
שרייבט · אדרבא זאגט איר איז רעכט אזו אונ משפט
איר די זאך · מטה נפשך האבן זיי צו גנומן דאס געלט קאן
זיי היינט דאס אפ געבן · אונ איז צו ריק גיגאנגען ואויף
זיין ארט · בייא דעם טיש איז ווייטער גווארען ארויש ·
דער נאך הערען זיי ווי ער זאגט נא גייט רופט זייא
אין דעם הערן זייא ווי ער זאגט ברוך הבא ר' מרדכי
סקאציזלקומט אסתר · אונ ער איז צו גיגאנגען ווייטר ניט
ווייט פון דעם טיש אונ טענעט · זעהט וואס איר האט
גמאכט אז איבר אייך דארפן פר פאלן ווערן אלפי אלפים
יהודים · מטה נפשך איר הט גנומן ניט אפ · אודער
גיט איין עצה אז די יהודים זאלן ניצול ווערן פון גירוש
און הריגה · אונ איז גווארן שטיל אונ האט זיך גישטעלט
אויף זיין ארט · בייא דעם טיש איז רוישען · אין דעם
זעהען זייא אז עס שטייט אין מיטען גצעלט אבעטיל
אנידרענס אונ אמענש ליגט נאקעטערהייט אונ שלאפט ·
אונ באלד הערן זיי די קלעפ וואס מען שלאגט דעם
מענטשן אונ ער שרייט אז דס קול גייט ביז אין הימל ·
מען האט עטליכע מנוט אפ גישלאגן איז ניט גיבליבן דס
בעטיל מיט דעם מענטשן · דר נאך הערן זיי גייט גזונד ר'

אברהם • גיוט גזונגר ר׳ יצחק • ר׳ יעקב • ר׳ משה • ר׳
אהרן • ר׳ יוסף • ר׳ דוד • ר׳ מרדכי • אונ גייט גזונגר
אסתר • די צוויי מענשן זענן גיבליבן אן כח נאר צו פאלן
צו דער ערד • זאגט ער צו זיי יעצט גייט אויך ארוס •
זיי זענן ארוס גינאנגן אונ האבן זיך גלייגט אויף דעם גראז
אונ האפען לופט • אונ ער דאווינט מעריב • נאך מעריב
גייט ער ארוס צו זיי אונ פרעגט בייא זיי הט איר עפס
צו עסן אונ טרונקן זאגן זיי ניין • זאגט ער לאז איינר
גיין צום שווער וועט דער שווער אייך געבן • ווארום מיר
וועלן ניט גיך אוועק פארן פון דאנען • זאגט איינער פון
די צווייא מענשן מיר ווייסן אבר ניט ווי צו גיין ווארום
זייא זענן דא[illegible]פארן אן אוועג • זאגט ער אט גייט אוועג
גליך צום שווערס שטוב וועט איר אן קלאפן וועט מען
אייך עפנען • וועט מען אייך אנגעבן הארמש אויף
עטליכע טעג • דער מענטש איז גיגאנגען אונ איז אין
עטליכע מנוט אן גקומן צום שווערס שטוב • אונ האט
אן גקלאפט האט מען אים גיעפינט • דער גביר פרעגט
וואס הערט זיך ער וויל ניט ענפערן וויל דיא זאך איז
נאך ניט גקאנטשט • אין קורצן מען הט אים אנגיגעבן
הארמש עסן אונ טרונקן • אונ ער איז צו ריק גקומן
מיט דעם שטעצקילע • זיי האבן זיך דער קוויקט אונ
האבן זיך גלייגט שלאפן • לאמר זייא לאזן דא שטיין •
דער שר שטייט אויף אין דער פריא • שיקט רופן זייניגע
יועצים אונ חכמים אונ דר ציילט זיי אז היינטיגע נאכט
האט מען אים צו גנומען מיט זיין בעטיל אונ מען האט
אים גישלאגן • די יועצים באטראכטן אונ זאגן מען דארף

היינטיגע



היינטיגע נאכט טאפלען די וואך • וויא פיל סאלדאטען
זענן נעכטן גישטאנען זאל מען היינט שטעקן צוויי מאל
אזו פיל • אונ אין שטוב זאלן אויך שטיין צווייא עלצטע
אונ מען זאל ניט אכטינג געבן טאמער וועט עמיצער קומן
צו נעמן זאל מען ניט לאזין • מען זאל האקען מיט דיא
שווערדען ווער עס דעם וועלן אים צו נעמן • דעם שר
גיפעלט דיא עצה • אזו איז גוועזן פון תחלת הלילה אן
האט מען גטאפעלט די וואך :
ויהי בלילה עס איז גקומען בייא נאכט • האט דער ר״י
ז״ל ווידער גישפרועט אזו ווי נעכטן • און די צוויי
מענטשן האבן זיך ווידער גישטעלט אויף זייערע ערטער •
אונ אליעזר עבד אברהם האט ווידער צו גוף גרופן דיא
זיבען לייט וואס אובען זענען גימעלד • אונ מרדכי ואסתר
אונ ער התענית ווידער אלץ אזו ווי נעכטן • אין מיטען
ברענגט מען אביון אבעטיל מיט אמענשן אונ מען שלאגט
אים • אונ זיי העבן דם גישריי • עס גייט עד לב השמים •
אונ ער איז ניט גיבליבן • זיי זענן ווידר ארוס גינאנגען
אונ האבן זיך דער קוויקט זייערע הערצער • דער שררה
שטייט אויף אין דער פריא אונ רופט דיא יועצים אונ
הייסט זיי אויף העגגען • וויל זייא האבן אשלעכטע עצה
גיגעבן מען האט זיי גהאנגן • אונ מען שיקט רופן אנדרי
יועצים חכמים אונ פרעגט זיי וואס טוט מען דער צו •
מען האט מיך היינטיגע נאכט ווידער גנומען • אונ מען
האט מיך נאך בעסר גישלאגן • אונ וויזט זיי דיא צייכן
דאפאן • זאגן זיי מען זאל אזו טאן די וואך זאל טאקע
זיי גטאפעלט נאר איטוויניג זאל שטיין עלצטע אונ ביי

איטליכן

אימליכן פיכעל פון דעם זאל אעלצטער צו האלטן · אונ ביא אימליכן אבר ביא די הענט אונ ביא די פים אונ ביא דעם קאפ זאלן אלין עלצטע צו האלטן · אף אזו גוועזן פון תחלת הליכה אן · האט מען אנגיהובן צו סטרויען די· וואך אבר דאס הט אוך ניט גהאלפן · עס איז גקומן דיא דריטע נאכט האט מען ווידער אזו גימאכט אין גצעלט אונ מען האט אים ווידער גישלאגן · ער איז אוף גישטאנן אין דער פריא ער הייסט די יועצים ווידר הענגן · אונ רופט ווייטר אנדרע יועצים זיי האבן אים שון אנדערש גענפערט · אדונינו השר זעהן זעהסטו אז דס איז ניט קיין מענשליכע זאך אז מען האלט צו אמענשן ביי אלי איברים אוך דעם בעטיל · אונ אזא גיטאפעלטע וואך אונ מען נעמט דעם מענטשן ארוס פון דיא הענט · ווערט מען דאך ארוס אז דס איז נאר אנאט זאך · לכן קאנן מיר דיר קיין אנדרע עצה געבן נאר די וואך זאל זיין אזו וויא געכטן · אונ מען זאל דיך ווידער צו האלטן ביא אלע איברים אונ ביי דעם בעטיל · נאר טאמר ווערט מען דיך ווידר- נעמן זאלסטו פרעגן פאר וואס שלאגט מען דיך ווערט מען דאך דיר זאגן · אונ דו בוסט דאך אשר ווערסטו וויסן וואס צו ענפערן · אונ מען ווערט דיך אוף הערן שלאגן :

כך הוה מען הט אים ביי נאכט צו גנומן מיט דם בעטל · אונ מען הט אים אנגיהובן צו שלאגן · האט ער זיך דר מאנט אן דר עצה פון די יועצים · פרעגט ער פר וואס שלאגט איר מיך ענפערט דר ר' יצחק ז"ל פר וואס הייסטו זיך אפ געבן (עשרת אלפים ככר כסף) וואס מרדכי ואסתר האבן צו גנומן · קאנסטו ארוס געבן אפראווע מיט גילדנע





אותיות אז די האסט שוין מקבל גוועזן איז מה טוב · ובאם לאו · ווערט מען דיך אזו אלע נעכט מיטשען וועסט ניט שטארבן נאר מען ווערט דיך אלע נאכט מוטשן · זאגט דר שר ווי קאן איך אייך געבן די פראווע אז איך האב דא ניט מיין טישעל מיט דיא אותיות מיט דר חתימה · ענפערט הער ר"י ז"ל אביא דוא ווילסט ווערט מען דיר אלדונג ברענגן זאגט ער יוא · מען הט אים גיבראכט זיין טישעל מיט די אלע זאכן וואס ער הט גדארפט דר צו אונ האט זיך אוף גזעצט אונ הט אין דעם גצעלט אליין אפ גישטעלט די פראווע מיט חותם השר אונ האט ארוס גיגעבן אז ער הט שון מקבל גוועזן די עשרת אלפים ככר כסף עד פרוטה אחת · הט מען אים צו ריק גיטראגן · הר[illegible] ז"ל הט זיך אפ גזעגנט מיט איא אושפיזין א"נ מיט מרדכי ואסתר · אונ די צוויי מענשן זענן ארוס גיגאנגן אונ האבן זיך גלייגט אוף דעם גראז אפ רוהן · פר טאג רופט ער זיי אין גצעלט אריין אונ גיט זיי אפ די פראווע אונ זאגט זייא אן אז זייא זאלן די פראווע היטן ווי דס א"ג · ווארום צוויי מאל מאכט מען ניט אזא זאך · נאר עס ווערט קומן אפערטיל יאר פר דר צייט ווערט דער שר אריין שיקן איין פאפיר אז מען זאל אים ברענגן דם געלד · זאלט איר אפ שרייבן מיר וועלן דיר גווים צום סראק ברענגן · און צום יאר זאלט איר אן קומן אין דעם שר שטאט פונקט צום לעצטן טאג · אונ אז ער ווערט אייך פרעגן ווי איז דם געלד · זאלט איר אים ווייזן די פראווע · אונ הט גהייסן די אלע כלים פר נעמן אונ אפ פירן צו זיך אין שטובל אריין · אונ זענן אוועק גפארן אהיים · דר שר איז אוף גישטאנן אין דער פריא אונ רופט דיא יועצים

1/71047

# הייציקעל אליין

איינע שיינע אונד וואהרע געשיכטע וואס האט
זיך געטראפען אין דער שטאט איילן פאר איאהר
פינף אונד צוואנציג. עס איז דער פון צו לערנען
מוסר אונד דרך ארץ. אונד וויא עלטערען זאלען
זייערע קינדער ערציהען. מיר האבען דאס
מעתיק געווען פון דער רייזע בעשרייבונג פון
ר' שלמה פורקער פון האנאווער. וואס האט
געוויזען אין יענער צייט דורך דיזע לענדער.
ער האט זעלבסט דאס געזעהען אונד האט
עס ריכטיג בעשריבען:

ווארשא

בדפוס ר' גרשון זר' פסח לעבענזאהן נ"י

שנת תרכ"ד לפ"ק

Хайцекелъ Алейнъ
т. е. Самъ Хайцекелъ.

Варшава 1864

Въ Типографіи П. Лебензона.

## מעשה מהאר"י הקדוש

און גאט זיא גרוסע משונעס אונ דר ציילט זיי אז מען הט
אים גנומן ביי נאכט און מען הט אים אן גיהויבן צו שלאגן.
האב איך זיי גיפרעגט פר וואס שלאגט מען מיך דאס מען
מיר גענטפערט זאג איך גרעניק ניט וום. נאר דס ווייס איך
אז מען וועט מיך שוין ניט שלאגן. די צוויא מענשן זענען
גקומען אהיים לשלום אונ האבן דיא פראווע אפ גיגעבן צו
דעם צדיק הדור. אז ער זאל דיא באהאלטן. צו דריי
פערטל יאר איז אן גקומען פון דעם שר צו די צוויי מענטשן
אז זיי זאלן אים ברענגן דם געלד. האבן זיי אפ גישריבן אז
פונקט צום פראק וועלן זיי אריין ברענגן דם גאנצע געלד
עס איז גקומען צום סוף יאר זענען די איינגע צוויי מענטשן
גפארן מיט די פראווע צום שר. אז ער הט זיי דר זעהן איז
ער געווארן פלא שמחה. אונ נעמט זיי צו אוף דעם גרעסטן
אופן. דר נאך טוט ער זיי אפרעג ווי איז דם געלד האבן
זיי ארויס גנומן די פראווע אונ וויזן אים. דענצמאל הט
ער זיך דר מאנט אונ זאגט אהאיהר פר הט מען מיך גישלאגן
נא. אז עס איז יוא אזו הט ער זיי זייער שיין גידאנקט.
אונ הט זיי נאגראזדראייעט מיט געלד. אין דר גאנצר מדינה
הט ער גיגעבן מתנות (כיד המלך). אונ הט גטאן טובות
צו יהודים כל זמן ער הט גלעבט. אזו זאל גאט טאן צו
אונז נסים ונפלאות. אונ ישועות ונחמות. אונ דר גואל
צדק זאל צו אונז קומן במהרה בימינו. אמן סלה:

ענדע